# בנין עדי עד

גליון לחיזוק וביסוס הבית היהודי על אדני השמחה והשלום

גליון כ"ה

אויסגאבע פון חיזוק און השקפה פאר די אידישע שטוב, ארײנצוברענגען שמחה און שלום

תשע"ב לפ"ק

## בנה ביתך

### אז מען זוכט טרעפט מען....

(המשך פון גליון כ"ג)

"אבער וויאזוי קען איך אים מכבד זיין, און שפירן אין מיין הארץ רעספעקט פאר אים ?"

"לערנען קען ער קנאפ, און וויאזוי צו זיין א מענטש האט מען אים נישט אויסגעלערנט, קלוג? קען זיין, דערווייל האב איך נאכנישט באמערקט אין אים עפעס עקסטערע חכמה, נאר דאס אז ער איז פארנומען מיט נארישקייטן. דאכט זיך מיר אז אויסער זיין געפוצטע הוט און גלאנציגע רעקל, איז נישט דא עפעס עקסטער ביי אים".

אויב דאס איז די סיטאואציע, האב איך א עצה:

זיי אים מכבד בלויז פאר זיין געפוצטע הוט און גלאנציגע רעקל .

ווי שוין קלאר ארויסגעברענגט (גליון כ"ב) אז דער פליכט פון כבוד געבן פאר א מאן, איז בעיקר מיט דעם וואס מען איז מכבד זיין פאזיציע און שטאנד אלס ראש הבית, אלס דער מלך פון שטוב, און מען גיט אפ פאר דעם דעם פארדינטן און ריכטיגן רעספעקט און כבוד וואס פארלאנגט זיך צו דעם, און אזוי אויך נישט טון אזעלכע מעשים וואס ווייזט פאר יענעם אז מען טוט גרינגשעצן זיין פאזיציע, אדער מען באהאנדלט אים, מען רעדט צו אים, נישט פאסיג אויף א אופן וואס ווייזט אז מען אנערקענט נישט אין זיין חשיבות.

אבער כדי מען זאל קענען בשלימות אפגעבן דעם ריכטיגן כבוד, פארלאנגט זיך א "אינערליכער" רעספעקט, א געוויסע הערצה און געפיל פון שעצונג וואס מען שפירט ביי זיך אינווייניג, מען זאל ארויף קוקן אויף דעם מאן און אים האלטן חשוב, נאר אזוי קען מען פאקטיש אויספירן אין פראקטישן זין דער כבוד וואס פארלאנגט זיך.

אבער וואס טוט מען ווען ס'שפירט זיך נישט אזוי?

יעדער מאן אדער פרוי וואס האבן חתונה, קומען אריין אונטער די חופה מיט א חלק הטוב, און אזוי אויך די פארקערטע. דער גוטער חלק, דאס זענען די מעלות, כשרונות, גוטע מדות וואס מען האט פון נאטור, אדער וואס מען האט שוין געארבעט אויף זיך, די כחות הנפש וואס מען האט שוין געהאט א געלעגנהייט אין די אינגע יארן צו ארויסברענגען, און אזוי אויך ידיעות אין פארשידענע טעמעס, וואס מען האט איינגעקויפט.

פון צווייטן זייט ברענגט מען מיט זיך א שפאר ביסל חסרונות, שוואכע נאטורן און מדות וואס מען האט נאך נישט אויסגעארבעט, דאס איז א ווילד באוואקסענע חלק וואס אין די געציילטע יארן וואס מען האט אנגעהויבן צו פארשטיין אז מען דארף זיך נעמען אין די הענט אריין, איז מען נאך נישט אנגעקומען, אדער נאך נישט געווארן אויסגעלערנט, וויאזוי דאס צו באארבעטן און ארויסרייסן פון זיך די נישט גוטע געוויקסן, און אנפלאנצן דארט בעסערע.

דאס איז אלעס פון וואס ליגט ביי יעדן מענטש אויפן אויבערפלאך, און איטליכער קען דאס זען אפען.

עס איז אבער דא נאך עפעס אין יעדן מענטש, וואס דאס איז פיל פיל מער פון וואס ס'זעט זיך נאר אן אויבן אויף. און דאס זענען, באהאלטענע נישט אנדעקטע מעלות, טיפע פארבארגענע כשרונות, כחות הנפש, און צומאל אסאך אסאך חכמה, וואס ליגן באגראבן אין דעם מענטש. און דאס ווארט צו ווערן באארבעט עס זאל קענען ארויסשפראצן גוטע געלונגענע פירות.

דאס איז אזוי ווי א קערל וואס ווערט ארייגעלייגט אין דער ערד, און אין דעם איז דא א כח עס זאל ארויסוואקסן א גאנצער בוים. אויב דאס וועט נישט ווערן באוואסערט און געפלעגט ריכטיג, וועט דער כח הצומח נישט ארויסקומען, אבער מיט ארבעט וועט מען קענען ארויסנעמען און שניידן גוטע פרוכט.

אזוי איז אויך ביי יעדן מענטש, דער מצב פון די אינגע יארן, גיט נישט פאר יעדן די געלעגנהייט צו וואקסן דארט ווי זיינע כשרונות ליגן, נישט שטענדיג וועט מען האבן די מעגליכקייט צו קענען ריכטיג ארויסברענגען די מעלות וואס ליגן פארבארגן אין די אינגע יארן, און מען רעדט אפילו ביי איינעם וואס שפירט אז ער האט יא געהאט הצלחה אין ישיבה / מיידל שוהלע, זענען אבער די כחות הנפש אסאך אסאך מער ווי דאס וואס מען ברענגט מיט זיך אונטער די חופה.

**שיינדל האלט אז זי איז אריינגעפאלן, גבריאל איז נישט דער וואס זי האט געמיינט, זי טראכט אז ער וואלט נאך געדארפט אפאר יאר זיין אונטער זיין מאמעס פארטוך, ביז ער וועט ווערן מער ערוואקסן, ביז דערווייל באטראכט זי אים אלס א מאן וואס איז נישט אזוי קלוג, און פארשטייט נישט קיין "עסק".**

**די רעזולטאטן פון די געדאנקען זענען, אז אין יעדע שמועס וואס זיי האבן, לייגט נישט שיינדל צו קאפ אויסצוהערן וואס ער האט צו זאגן, און זי איז נישט גרייט צו אננעמען זיין מיינונג, אויב זאגט ער יא עפעס וואס לייגט זיך אויפ'ן שכל, איז זי זיכער ביי זיך אז דאס איז נישט ריכטיג, אדער ער זאגט דאס נאר נאך פון א חבר.**

גליון זה נתנדב לע"נ האשה החשובה והצנועה מרת שרה טאביל בת ר' שלום שכנא ע"ה היא"צ כ' אלול

צו מנדב זיין א גליון לעילוי נשמת וכדו' כדי לזכות את הרבים רופט: 347-554-1199 אדער שיקט א אימעיל צו Binyan@Yeshivanet.com

**גבריאל שפירט דאס שטארק, און מיט זיין קלוגשאפט כאפט ער זייער גוט וואס דא פאסירט. אבער וואס קען ער טון? ער ווייסט שוין פון לאנג אז ער איז א פחדן, און האט מורא צוזאגן א ווארט, ווען זיין פרוי וואלט אים מער געמוטיגט און כאטש געוויזן אז זי האלט פון אים, וואלט דאס אים געהאלפן זיך שטארקן אויף זיין שרעק, און ער וואלט געגומען זאכן אין די הענט אריין.**

די החלטה וואס א אינגערמאן / א אינגע פרוי, מאכט אויף זיין / איר שותף, נאך די חתונה, וואסערע סארט מענטש מען איז, וויפל ער / זי קען, ווייסט וכדו׳. ווי געטריי, טויגליך, פלייסיג, ערנסט, קלוג, פארשטענדליך ער / זי איז, איז נישט שטענדיג ריכטיג. דער שוואכער צייכן וואס מען גיט, איז געוועגליך גרייזיג אויפן לענגערן טערמין, געוויס קען זיין אז "יעצט" זעט זיך דאס אזוי, אבער געוועגליך קען זיך רוב חסרונות און שוואכקייטן איבער דרייען. אויפן ערגסטן פאל ווערט דאס נאר "בעסער", און אין בעסטן פאל איבערגעדרייט אינגאנצן לטובה ממש מהיפך להיפך.

אבער פונקט ווי עס קען גארנישט וואקסן אויף דער ערד, אן דעם וואס עס זאל באקומען זון מיט וואסער, אזוי אויך קען א מענטש נישט וואקסן אויב ער באקומט נישט זיינע געברויכן וואס איז פאר זיין נפש ווי זון מיט וואסער, און דאס איז ליבשאפט מיט כבוד.

ווען עס איז דא א ריכטיגע קעגנזייטיגע אהבה און רעספעקט פון די פרוי צו איר מאן, און פון דעם מאן צו די פרוי. מען קאנצעטרירט זיך אויף די גוטע חלקים וואס דער אנדערער ברענגט מיט זיך, מען זוכט וואס קען ער יא? און וועלכן פעלד איז ער גוט, אדער גאר אויסגעצייכנט, אפילו דאס איז נישט עפעס וואס איז ווערד צו ליבן, אבער מען מוטיגט, מען שטיצט, מען וויזט ארויס טראסט און שעצונג, כאטש פאר דעם ביסל וואס יענער קען, מען ווייזט אז מען קאנצעטרירט זיך נישט אויף שוואכקייטן נאר אויף די מעלות, איז דער פארדינסט גאר אסאך עד אין לשער.

און צוריק צו די טענה אז מען זעט גארנישט אין דעם מאן, אויב דער פאקט אליין אז ער איז דיין מאן, און דער רבש"ע האט אים צוגעשטעלט צו דיר, ער זאל זיין דיין מלך, ער זאל זיין העכער דיר און פירן דיין שטוב, און דו זאלסט צו אים דארפן צוקומען, אויב דאס איז נישט גענוג צו שפירן א שעצונג, דעמאלס דארף מען זיך קאנצעטרירן אויף פרטים, און פרובירן זוכן און ארויסנעמען וואסערע מעלות ער האט יא.

ווי איידער אריינצוגיין טיף און די דעטאלן און זיך דינגען אויב די אויבנדערמאנטע - אז דער מאן ברענגט נישט מיט זיך שעצונג - האט עפעס א האפט, און עס ליגט אמת אין דעם, לאמיר כאטש אנהייבן צו זוכן דארט וואו מען קען יא טרעפן רעספעקט, זוך און זוך א פינטל אין אים וואס איז ווערד צו שעצן, און יעדער מענטש האט דאס, אויב דו טרעפסט נישט, האסטו לכאורה א גרעסערע פראבלעם פון דיין מאן... און די ארבייט דארף זיך קאנצעטרירן אויף גאר עפעס אנדערש....

וואס פאסירט פון די ביסל רעספעקט און שעצונג?

די גמרא לערנט אונז די פליכטן פון קעגנזייטיגע אהבה און כבוד, אויף דעם סדר פון "אהבה" צום ערשט און נאכדעם "כבוד". "אוהבה כגופו ומכבדה יותר מגופו". דער רמב"ם האט אויסגעדרייט דעם סדר. כבוד אויפן ערשטן פלאץ און נאכדעם אהבה. "מכבד את אשתו יותר מגופו ואוהבה כגופו". פארוואס האט דאס דער רמב"ם געשטעלט אזוי? און וואס איז ריכטיג און קומט ערשט?

מען קען ענטפערן אז ביידע איז אמת און ריכטיג.

עס הייבט זיך אן מיט דעם סדר פון די גמרא, אהבה צום ערשט, מען דארף אויפזיכן א פלאץ וואס איז ווערט אויף אהבה, א משהו וואס זאל אריינברענגען אין הארץ א געפיל פון רעספעקט און עהרע וואס מען קען ארויף קוקן, און ארויסברענגען פון זיך כבוד און שעצונג צו אים, טרעפן דאס וואס איז יא גוט און שיין, און בויען אויף דעם שעצונג און כבוד.

נאכדעם וואס מען האט געארבעט אויף דעם סדר, מען טרעפט גוטע נקודות וואס ברענגט געפילן פון אהבה און שעצונג, און מען איז פאקטיש מכבד, קומען די רעזולטאטן, וואס דאס לערנט אונז שוין דער רמב"ם, כבוד וואס ברענגט מיט נאך אהבה, מער רעספעקט, און מער גוטע חלקים טרעפן, און דאס לויפט נאכדעם צוריק ווי א רעדל וואס דרייט זיך, אהבה, כבוד, מער אהבה, מער כבוד, און אזוי ווייטער.

עס איז דא אן אלטע כלל, ווען מען זוכט טרעפט מען... אז מען וועט זיך קאנצעטרירן יעדן טאג צו טרעפן גוטע חלקים אין דעם אנדערן, וועט מען טרעפן, און אז מען וועט דאס האבן אין קאפ, וועט דאס אריינקריכן אין הארץ, און פארבעסערן און פארשטערקערן דעם קשר צווישן זיי.

און נאך מער פון דעם, דער רעספעקט זעלבסט פון די פרוי צו דעם מאן, דאס איז זיין זון און וואסער וואס ער דארף האבן צו וואקסן, דאס וועט ארויסברענגען פון אים דאס בעסטע, דאס וועט אים העלפן אליין אויפארבעטן - מיט די צייט - אלע באהאלטענע כחות הנפש און גוטע חלקים וואס ער האט אין זיך, און דאס וועט אים אויך אויפמערקזאם מאכן איבערצולאזן דאס וואס איז נישט אזוי געוואונטשן פאר אים.

ווען א מאן באקומט חיזוק און שעצונג פון זיין פרוי, און זי ווייזט אים ארויס, אז ער איז חשוב אין אירע אויגן, - אפגעזען וואס איז די סיבה וואס ברענגט איר ארויס אין הארץ א שטיקל שעצונג - אויב די חשיבות וואס זי ברענגט ארויס מיט דיבורים און מיט מעשים איז אויפריכטיג. וועט די שטיצע אויף בויען זיין פערזענליכקייט, דאס וועט בויען אין אים טראסט אין איר, די שטיצע וועט אים געבן רואיגקייט צו טראכטן וויאזוי צו בעסער מאכן און ארויפברענגען זיין לעבן ברוחניות ובגשמיות, די שטיצע וועט אים געבן "אויערן" אויסצוהערן דאס וואס זיין פרוי וויל ער זאל "הערן".

און וואס זענען די רעזולטאטן פון צוקלאפן, און זיך שטעלן אויף די שוואכקייטן ?

איבריג צו זאגן.

בעריכת הרב יצחק לויפער

פאר שאלות און הערות אדער צו באקומען דעם גליון

binyan@yeshivanet.com

ביטע האלטן די גליונות פריוואט

און נישט צושפרייטן אין בתי מדרשים.


*פאר יעוץ און הדרכה אין עניני שלום בית*

רופט 718-789-1456

שטרענג קאנפידענשל - גוטע פרייזן

**בהמלצת הרבנים שליט"א**